בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ק"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

יום טוב שבועות שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי זִיסֶע אַקְדָּמוּת

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר דִי טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע כָּבוֹד אוּן אַ זְכִיָּה אַז אִיךְ קֶען עֶנְק מְחַזֵּק זַיין מִיט עֶנְקֶער עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וְויל אִיךְ עֶנְק קוֹדֶם בֶּעטְן, דִי פָּאר טֶעג וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן בִּיז שָׁבוּעוֹת, זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי זִיסֶע 'אַקְדָּמוּת'. יֶעדֶער מְלַמֵּד - לוֹיט דִי יָארְגַאנְג פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, זָאל לֶערְנֶען אַבִּיסְל מֶער אוּן מֶער טַייטְשׁ פוּן אַקְדָּמוּת. אוּן מֶען זָאל עֶס זִינְגֶען מִיטְן בַּאקַאנְטְן נִיגוּן פוּן אַקְדָּמוּת, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו) דָאס אִיז אַ נִיגוּן וָואס מַאכְט בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם נִיגוּן פוּן אַקְדָּמוּת.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַקְדָּמוּת, דֶערְצֵיילְט זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל אַקְדָּמוּת, זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי קִינְדֶער זֶענֶען גוּטֶע גַארַאנְטִיס

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): בִּשְׁעַת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: **"בְּרֶענְגְט מִיר אַ גַארַאנְטִי (עֲרֵבִים) אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה"**, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזָאגְט: **"מִיר הָאבְּן עֲרֵבִים, אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים"**, אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעוָוארְפְּן, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: **"מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אוּנְזֶערֶע אִינְגְלֶעךְ אִין חֵדֶר צוּם מְלַמֵּד, אוּן אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער צוּ דִי לֶערֶערִין אִין שׁוּלֶע, זֵיי וֶועלְן זַיין אוּנְזֶערֶע גַארַאנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה"**, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעזָאגְט: **"דָאס זֶענֶען גוּטֶע גַארַאנְטִיס, בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן דִי תּוֹרָה"**.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָאבְּן מִיר נָאר בַּאקוּמֶען צוּלִיבּ עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַוַודַאי אַרְבֶּעט מֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען זִיצְט מִיט קִינְדֶער טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, אָן בַּאקוּמֶען אַ 'יְיַשֶּׁר כֹּחַ', אָנְדֶעם אַז אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל וִויסְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אֵיין טָאג אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער. אַ מְלַמֵּד קֶען זִיךְ אָנְאַרְבֶּעטְן מִיט אַ קִינְד, אוּן וֶוען מֶען מֵיינְט שׁוֹין אַז מֶען הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים קִינְד, גֶעבְּט זִיךְ דֶער קִינְד אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן פַאלְט צוּרִיק,

## דִינֵי נְפָשׁוֹת

דֶער קִינְד רֶעדְט אוּן עֶנְטְפֶערְט וַוייטֶער מִיט חוּצְפָּה, מֶען פִילְט מַמָּשׁ וִוי דִי אַרְבֶּעט אִיז גֶעגַאנְגֶען לָרִיק, - אָבֶּער אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען טוּט דִי עֲבוֹדָה בִּשְׁלֵמוּת, מֶען וֵוייסְט 'אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל', אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז 'יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער, גֵייט אַרַיין אוּן עֶס טוּט אוֹיף, נִישְׁט אוֹיף יֶעצְט נָאר אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, דֶעמָאלְט הָאט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אוּן מֶען הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּתִים.

### הַדְרָכָה אִין חִינּוּךְ פוּן רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶבְסְקִי

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען לַ"ג בָּעֹמֶר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר אַ מְלַמֵּד גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה, אַ סֵפֶר מִיטְ'ן נָאמֶען **"מָרָן שַׂר הַתּוֹרָה בַּקוֹדֶשׁ פְּנִימָה"**, עֶס עֶנְטְהַאלְט שֵׁיינֶע עִנְיָנִים פוּנֶעם גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶבְסְקִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעהֶערְט, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְנֵייטְשׁ אִינֶעם סֵפֶר בַּיי דֶעם עָמוּד, אַז אִיךְ וִויל דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי מְלַמְּדִים. אִיךְ וֶועל עֶס דֶערְצֵיילְן פוּן אִינֶעוֵוייניג:

רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַנְיֶבְסְקִי שְׁלִיטָ"א (אַ זוּן פוּן רֶבִּי חַיִּים) דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מַיין טַאטֶע אַז מֶען הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן אַ דְּרָשָׁה בְּעִנְיָנֵי חִינּוּךְ, **"אַבָּא אָמַר לִי, לוֹמַר שְׁנֵי דְבָרִים; וַאֲנִי אַגִּיד לָכֶם בְּדִיּוּק אֶת הַדְּבָרִים"**, מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ טְרֶעט אוֹיף, זָאל אִיךְ זָאגְן צְוֵויי זַאכְן; אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אִיבֶּערְזָאגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער



פינקטליך, די ערשטע זאך: "**מרן החזון איש היה המיסד של ישיבת 'תפארת ציון', כשפתח את הישיבה, השתדל שבכל שיעור יהיה בחור אחד מגבל און נכה**", ווען דער הייליגער חזון איש האט געעפנט זיין ישיבה 'תפארת ציון' אין בני ברק, האט ער מקפיד געווען אז אין יעדע כתה זאל זיין א קינד וואס איז אביסל צוריקגעבליבן, היינט רופט מען עס א קינד וואס איז עפעס ספעציעל, ער האט א דיסעבילִיטי, דאס מיינט מען דארף אים העלפן, "**ולמה? כדי שהחברים בשיעור יעזרו לו לצאת מהכתה ולהכנס אליה, ולטול ידים וכיוצא בזה, וכך יתרגלו לעשות חסד!**" כדי די תלמידים זאלן זיך אויסלערנען די אידישע מדה פון חסד, זיי זאלן אים באדינען, העלפן קומען און גיין, און וואשן זיינע הענט וכדומה, מען זאל זיך צולערנען צו טון חסד. דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך!

## דער איש החסד איז דער מצוין פון כתה

פינקט צוויי וואכן צוריק האבן מיר געהאט אין די גמרא די מעשה פון רבינו הקדוש, די גמרא דערציילט (בבא מציעא דף פה.): עס איז געווען א קעלבל וואס מען האט געטראגן צום שחטן, זי איז אנטלאפן און זיך באהאלטן אונטער די בעקיטשע פון רבינו הקדוש, זי האט געוויינט: "**מען גייט מיך שחטן**", האט רבינו הקדוש איר געזאגט: "**גיי! פארדעם ביסטו באשאפן געווארן!**" ביי צדיקים איז מען דאך מורא'דיג מדקדק אפילו אויף יעדע קליינינקייט האט מען געזאגט אין הימל: "**אהה, דו האסט נישט רחמנות אויפ'ן קעלבל, וועט מען נישט רחמנות האבן אויף דיר!**" רבינו הקדוש האט באקומען יסורים פאר 'דרייצן יאר', זעקס יאר האט ער געהאט שטיינער אין די גאל; דאס איז דאך אזאנע יסורים, איום ונורא, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, מען קען נישט געהעריג ארויסגיין אין בית הכסא; היינט מאכט מען אן אפעראציע פאר דעם. רבינו הקדוש האט געמאכט אזעלכע קולות בשעת'ן ארויסגיין אין בית הכסא, אז מען האט עס געהערט מייל'ן ווייט. נאכדעם האט ער געהאט זיבן יאר צין ווייטאג.

איין טאג האט זיין דינסט אויפגערוימט די חצר, האט רבינו הקדוש געזאגט פאר די דינסט: "**קער נישט אויף די קליינע מייזעלעך, לאז זיי אינדרויסן פון חצר, ווייל עס שטייט** (תהלים קמה, ט): '**ורחמיו על כל מעשיו**'", האט מען געזאגט אין הימל: "**הואיל ומרחם - נרחם עליה**", אז ער האט רחמנות אויף די מייזעלעך - וועט מען רחמנות האבן אויף אים.

נאכן פארלערנען דעם דף גמרא, האבן מיר גערעדט פון דעם אז די מלמדים און לערערינס דארפן דערציילן די מעשה פאר די קינדער, אויך די טאטעס דארפן רעדן פון דעם צו זייערע קינדער ביי די סעודות.

מען דארף אויסלערנען קינדער: ווי אזוי דו פירסט זיך מיט א צווייטן - אזוי וועט מען זיך פירן מיט דיר! וואס איז א מצוין אין כתה? איינער וואס איז 'איש החסד'! נישט דער וואס קען זאגן מער פרקים משניות, און נישט דער וואס קען אויפשטיין חצות; איינער וואס קען זאגן ח"י פרקים משניות - איז מורא'דיג, איינער וואס קען אויפשטיין חצות - איז מורא'דיג, און איינער וואס באקומען א 'הונדערט' אויף יעדע בחינה - איז זייער געשמאק פארן מלמד... דאס איז אלעס זייער שיינע זאכן, אבער דער 'איד' איז - איינער וואס גייט ארויס פון זיין וועג פאר א צווייטן, איינער וואס טוט א חסד פאר א צווייטן קינד, ער שטופט נישט אראפ א קינד פון די באנק, ער שטופט נישט אראפ דעם קינד וואס די נאז רינט אים.

## יעדער קינד איז 'דיני נפשות'

א צווייטע מעשה דערציילט רבי שלמה שליט"א: נאך האט מיר מיין טאטע געבעטן איך זאל ענק דערציילן, א מעשה וואס איז געווען ביים חזון איש. איין טאג האט א בחור אריינגעקלאפט ביים חזון איש אינדערהיים און ער וויינט, פרעגט אים דער הייליגער חזון איש: "**פארוואס וויינסטו?**" דער בחור האט געענטפערט אז ער לערנט אין ישיבת 'תפארת ציון' און מען האט אים ארויסגעווארפן פון ישיבה, פרעגט אים דער הייליגער חזון איש: "**פארוואס האט מען דיך ארויסגעווארפן פון ישיבה?**" דער בחור'ס פנים איז געווארן אביסל רויטלעך, ווייל ער האט זיך געשעמט צו ענטפערן, און דער בחור זאגט: "**מען האט מיך געזען מחלל שבת זיין אין דארמעטארי (קוואַרטיר)**", רופט זיך אן דער חזון איש: "**פיין, גיי אהיים און איך וועל דיך שוין לאזן רופן**".

דער חזון איש האט געשיקט רופן דער מגיד שיעור, דער מגיד שיעור קומט אריין, פרעגט אים דער חזון איש: "**זאג מיר, דו האסט ארויסגעווארפן דער בחור פון ישיבה?**" דער מגיד שיעור איז געווען אביסל פארשעמט און ער האט געזאגט: "**יא**", פרעגט אים דער חזון איש: "**פארוואס האסטו אים ארויסגעווארפן פון ישיבה?**" זאגט דער מגיד שיעור: "**דער בחור האט מחלל שבת געווען!**"

דער חזון איש האט אראפגעלייגט די הענט אויפן טיש און אראפגעלייגט זיין קאפ אויף זיינע הענט, דערנאך האט ער אויפגעהויבן זיין קאפ און געזאגט: מיר ווייסן די הלכה (עיין סנהדרין לב.) '**דיני ממונות בשלשה, ודיני נפשות בעשרים ושלשה**', דאס מיינט, אז איינער האט א טענה אויף א צווייטן אז יענער האט אים באגנב'עט, גייט מען צו א בית דין פון דריי דיינים צו פסק'ענען דעם דין, אבער פאר 'דיני נפשות', אז מען וויל איינעם הרג'ענען, דארף מען שוין א בית דין פון 'דריי און צוואנציג' דיינים, זאגט אים דער הייליגער חזון איש: "**דו ווילסט דא דן זיין א בחור אים ארויס צו ווארפן פון ישיבה; ארויסצווארפן א בחור פון ישיבה איז דיני נפשות! אזוי ווי מיר האבן נישט היינט קיין סנהדרין פון דריי און צוואנציג דיינים, ביסטו מחויב צוריק צו נעמען דער בחור אין ישיבה!**"

רופט זיך דער מגיד שיעור אן צום הייליגן חזון איש: "**רבי, נאכדעם וואס איך האב געזען אז ער איז מחלל שבת און איך האב אים גע'מוסר'ט, האט ער חוזק געמאכט פון מיר, ער האט אפגעלאכט פון מיר אין פארנט פון אלע בחורים, אזא בחור קען בלייבן אין ישיבה?**" דער הייליגער חזון איש האט אויסגעהערט זיינע ווערטער און ער האט אראפגעלייגט זיין קאפ אויף זיינע הענט, דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבן און געזאגט: "**דיני ממונות בשלשה, דיני נפשות בעשרים ושלשה, דארפסט אים צוריק נעמען אין ישיבה!**"

רופט זיך אן דער מגיד שיעור: "**אויב איך וועל אים צוריק נעמען אין ישיבה, וועל איך זיין א חוזק, איך וועל זיין ללעג ולקלס**", דער חזון איש איז שטיל געבליבן, און דער מגיד שיעור רופט זיך אן: "**דער מצב איז אזוי, אדער 'איך' אדער 'ער', אויב ער קומט צוריק קען איך נישט זיין דארט**", האט דער חזון איש צום דריטן מאל זיך אראפגעלייגט זיין קאפ אויף זיינע הענט, ער געבט זיך א שטעל אויף און זאגט: "**דיני ממונות בשלשה, דיני נפשות בעשרים ושלשה, ארויסצווארפן א בחור פון ישיבה איז דיני נפשות! דיין טענה אז אויב דער בחור קומט צוריק - וועסטו מוזן ארויסגיין פון ישיבה און נישט האבן קיין פרנסה, איז דיני ממונות; דיני ממונות קען מען אויך דן זיין מיט א דיין א יחיד מומחה, איך בין א יחיד מומחה, און איך זאג אז דו קענסט איבערלאזן די ישיבה און דער בחור דארף צוריקקומען!**" און דער חזון איש האט געהייסן דער בחור זאל צוריק קומען אין ישיבה.

האט דער מגיד שיעור געזאגט פארן חזון איש: "**אויב אזוי, קען איך נישט געבן דעם שיעור פאר די בחורים**", האט אים דער חזון איש געזאגט: "**פיין, אז דו קענסט מער נישט געבן קיין שיעור, ביסטו אפגעזאגט פון דיין פאסטן**", פרעגט ער דעם חזון איש: "**און ווער וועט געבן דעם שיעור?**" האט דער חזון איש געזאגט: "**איך וועל מארגן קומען געבן דעם שיעור אנשטאט דיר**", און אזוי איז טאקע געווען, צומארגנס איז דער חזון איש געקומען און געגעבן דעם שיעור. צום סוף האט זיך דער מגיד שיעור געבראכן און ער איז צוריקגעקומען זיין 'מגיד שיעור' פאר די בחורים. עד כדי כך איז דער

# הַמַשְׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

חָזוֹן אִישׁ גֶעוֶוען מְחוּבָּר צוּ דִי יְשִׁיבָה אוּן צוּ דִי תַּלְמִידִים. עַד כַּאן הַמַּעֲשֶׂה וָואס דֶער גָאוֹן רַבִּי חַיִּים הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן בַּיי אַן אֲסִיפַת חִינוּךְ.

מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער חָזוֹן אִישׁ קוּקְט אָן יֶעדְן קִינְד, וִוי 'דִינֵי נְפָשׁוֹת'!

## דֶער בָּחוּר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז נָאכְן הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אִין מְלַמְּדִים שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן קָאכְן, 'וָואס הֵייסְט מֶען מוּז הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה אַ בָּחוּר וָואס הִיט נִישְׁט שַׁבָּת?!' דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ בַּאמֶערְקְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ בָּחוּר וָואס לַאכְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט, חַס וְשָׁלוֹם, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אַזַא בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, אִיז אוֹיס יְשִׁיבָה; דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּם חָזוֹן אִישׁ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

## דִי מַעֲשֶׂה אִיז פַאר אוּנְז מְלַמְּדִים

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מְלַמְּדִים וֶועגְן 'קִינְדֶער' - רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אַזַא מַעֲשֶׂה; דֶער מַעֲשֶׂה רֶעדְט זִיךְ פוּן 'אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה' וָואס אִיז שׁוֹין אַ גָּדוֹל; אוּן דָאס קֶען אוֹיךְ זַיין חִיזּוּק 'פַאר אוּנְז מְלַמְּדִים' אַז אוֹיבּ מִיר זֶענֶען נִישְׁט גוּט, קֶען מֶען אוּנְז נָאךְ צוּרִיקְנֶעמֶען פַאר מְלַמְּדִים. אָבֶּער אַ קִינְד? אַ קִינְד אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אִים הַאלְטְן אִין חֵדֶר, עֶר אִיז דָאךְ אַ קָטָן, אַ קָטָן אִיז פָּטוּר מִן הַתּוֹרָה פוּן אַלֶעם, אַ קָטָן הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, אַ קָטָן הָאט נִישְׁט קֵיין דַּעַת. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן וֶוערְן 'גְּדוֹלִים' זָאלְן זֵיי זַיין גוּטֶע אִידְן.

וָואס מֵיינְט דֶער אוֹיסְדְרוּק אוֹיף אַ קִינְד: "דֶער קִינְד הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"? וִוי אַזוֹי קֶען דָאס אַ מְלַמֵּד זָאגְן?! - מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת אוֹיף קִינְדֶער!

## אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער הָאט מֶען מֶער רַחֲמָנוּת

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶערֶעדְט צוּ אַ מִשְׁפָּחָה, פְרֶעגְט מִיר דֶער טַאטֶע: "**וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ מֶער לִיבּ אֵיין קִינְד פוּן מַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?**" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ בִּיז דֶערְוַוייל גֶעגֶעבְּן צְוֶועלְף מַתָּנוֹת, אוּן אִיךְ זָאג דִיר דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קֵיין חֲנוּפָה, אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט יֶעצְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ כְּאִילּוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף פַארֶערְכְטְן, אָבֶּער דָאס אַז אֵיין קִינְד זָאל מִיךְ זַיין מֶער בַּאלִיבְּט וִוי מַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?! - שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען מִיר דִי זֶעלְבֶּע בַּאלִיבְּט! וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "**אֵיין קִינְד הָאבּ אִיךְ מֶער לִיבּ וִוי מַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?**"

אַוַודַאי זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מֶער טְשֶׁעלֶענְדְזְשִׁינְג (שְׁוֶוער), זֵיי הָאבְּן מֶער אַ שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר, אָבֶּער זֵיי הָאט מֶען נִישְׁט ווֵינִיגֶער לִיבּ, פַארְקֶערְט, אוֹיף זֵיי הָאבּ אִיךְ מֶער רַחֲמָנוּת אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי ווֵינִיגֶער.

וֶוען מֶען זֶעט צְוַויי קִינְדֶער, אֵיינֶער אִיז אַ 'צָרָה לַייט', עֶר קְרִיגְט זִיךְ אַלְץ מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אַלְץ אָפּ, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט אַ לַייכְטֶערֶע נַאטוּר, טָאר מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם שְׁוֶוערְן נַאטוּר דִי זֶעלְבֶּע וִוי מֶען פַארְלַאנְגְט פוּנֶעם גְרִינְגְן נַאטוּר, דָאס אִיז אַ טָעוּת פוּן מְלַמְּדִים אוּן עֶלְטֶערְן.

דָאס קִינְד מִיט'ן שְׁוֶוערְן נַאטוּר הָאט דָאךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר, עֶר אִיז אַזוֹי וִוי אַ הֶענְדִיקֶעפּ (אַ בַּאגְרֶענִיצְט קִינְד); מֶען קֶען אִים נִישְׁט יֶעדֶעס מָאל פַארְהַאלְטְן, מֶען דַארְף קֶענֶען אַרוּמְדְרֵייעֶן אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט יֶעדֶע מִינוּט וֶוערְן בַּאשׁוּלְדִיגְט, מֶען דַארְף אַסַאךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן, אוּן מֶען דַארְף אִים צוּבִּיסְלֶעךְ הֶעלְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִדּוֹת.

## לָאמִיר אַרַיינְנֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער צוּם בַּארְג סִינַי

דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן חָזוֹן אִישׁ אִיז נִישְׁט פַאר מְלַמְּדִים, דָאס אִיז פַאר רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת פוּן בָּחוּרִים; אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַז דִי קִינְדֶער וָואס עֶר הָאט אִין כִּתָּה זֶענֶען טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶס אִיז דִינֵי נְפָשׁוֹת, אוּן מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף יֶעדְן תַּלְמִיד, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, ט): "**וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**".

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, לָאמִיר אַרַיינְנֶעמֶען 'אַלֶע' קִינְדֶער צוּם בַּארְג סִינַי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב, אָמֵן.


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
**- שמעו ותחי נפשכם -**


# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶער וָואס לֶערְנְט מִיט דִי רֵיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים דִי גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְט מִיר אַ גַאראַנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעטֶענְהְט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ אַ גַאראַנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַאראַנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט דָאס זֶענֶען גוּטֶע הַאפְטְן, "עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם", בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער גֶעבּ אִיךְ אֵייךְ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמוֹר, שְׁנַת תשע"ט)

## דַארְפְן קִינְדֶער אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן נַיין אוּן הַאלְבּ יָאר, אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן בַּיי מַעֲרִיב.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר הַשַּׁ"ס, אִיךְ הַאלְט יֶעצְט מַסֶכֶת מְגִילָה י"ב.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעדְן פְרַייטָאג מִיט מַיין טַאטֶע הֲפָצָה. אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר שָׁבוּעוֹת בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ פַאר קִינְד אִין מַיין עֶלְטֶער אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּיי דִי נַיין יָאר; עֶס זֶענֶען דָא נַיינְצִיג יֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין אֲפִילוּ אֵיין מָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְנְסְטוּ גְמָרָא, דוּ לֶערְנְסְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אוֹיבּ אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר זָאל אוֹיפְזַיין; אַוַדַאי אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן, הֲלָכָה ד) אַז מֶען אִיז אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַ גַאנְץ יָאר צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה דֶערְצֵיילְט, וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוֶוען בַּיינַאכְט, ווִי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, אַ רַעַשׁ, פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת.

אַז מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקוּן בִּתְמִימוּת מִיט אַ שִׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, שְׁנַת תשפ"א)

## וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער קוּקְן ווִידִיאָס בַּיי דִי שְׁכֵנִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, גִלְיוֹנוֹת, אוּן קוּנְטְרֵסִים.

אִין מַיין הוֹיז קוּקְט מֶען בָּרוּךְ ה' נִישְׁט קַיין שוּם ווִידִיאָס אוּן דָאס גְלַייכְן, אָבֶער אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס גֶעווָאוּיר גֶעוָוארְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן ווִידִיאָס בַּיי מַיינֶע שְׁכֵנִים, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְט דֶערְוֶועגְן בִּיז יֶעצְט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל זֵיי אָנְהוֹיבְּן ווַייזְן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים כָּשֵׁר'ע זַאכְן, וָואס אַזוֹי קֶען אִיךְ קָאנְטְרָאלִירְן וָואס זֵיי זֶעעֶן יָא אָדֶער נִישְׁט, ווַייל בַּיי דִי שְׁכֵנִים קֶען אִיךְ נִישְׁט ווִיסְן וָואס זֵיי זֶעעֶן דָארְט, אָדֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שוּם ווִידִיאָס אוּן קַיין שוּם קְלִיפְּס, אֲפִילוּ וָואס מֶען רוּפְט כָּשֵׁר'ע, אוּן אַז דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי קוּקְן דִי ווִידִיאָס בַּיי שְׁכֵנִים - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דִי שְׁכֵנִים; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נָאר גֵיין צוּ שְׁכֵנִים וָואס דִי שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ דִי סַכָּנָה פוּן קוּקְן ווִידִיאָס, מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דֶעם אוּן נִישְׁט צוּרִירְן צוּ דֶעם.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטְרֶע זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בַּעֲלֵי מִידוֹת טוֹבוֹת וְכוּ'; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאט אִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִּילְט מַיין קַאפְּל מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן מַיין פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמוֹר, שְׁנַת תשפ"ד)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876